## די ליידיגע אטמאספערע וואס הערשט ארום דעם לץ

**די סתירה צווישן ליצנות און זהירות**

דער מסילת ישרים איז מאריך אין פרק ה' איבער דעם הארבקייט פון ליצנות, אז דאס איז איינס פון די גרויסע 'מפסידי הזהירות', און דער וואס איז אנגעשטעקט מיט דער מדה פון ליצנות, דערטרענקט זיך אינעם ים און קען נישט ארויסקומען דערפון. און ער איז מסביר אז דאס איז ממש א פארקערטע תנועה ווי 'זהירות', ווייל **זהירות מיינט 'שימת לב', אז דער מענטש לייגט צו הארץ צו עבודת ה', און ליצנות מיינט אז עס אינטערעסירט אים נישט גארנישט.** דערפאר איז דאס אזא שטארקער מפסיד צום זהירות.

**יעדע מדה קען מען אפלערנען בעיון רב**

די מדה פון ליצנות איז בעצם א 'מסכת' פאר זיך, מען קען אסאך מאריך זיין דערין און עס צענעמען אויף אלע זיינע פרטים. נישט נאר 'ליצנות' איז אזוי, נאר באמת יעדער ענין פון 'חכמת המוסר' איז א געוואלדיגע חכמה וואס מען קען מעמיק זיין דערין. דער מסילת ישרים האט דאך אנגעהויבן די הקדמה, אז 'חכמת המוסר' איז זייער פארנאכלעסיגט, מען טוט נישט גענוג אין דעם, מען איז זיך נישט מתבונן דערין און מען מאכט נישט דערפון אזא 'לימוד'. אין אנדערע חלקים אין תורה איז פאראן אזויפיל סוגיות מיט מפרשים וואס מען לערנט דורך בעיון און בהרחבה, אבער חכמת המוסר האט מען כאילו מזניח געווען. און דאס איז טאקע א ספעציעל אונטערגעשטעלטע תחבולה פונעם יצר אז מען זאל דאס נאכלאזן, מען האט געגעבן דעם כח פארן יצר הרע און ער האט שטארק מצליח געווען אז מען טוט נישט דערין ווי עס דארף צו זיין.

**אין חכמת המוסר דארף מען זיין א 'מבין דבר מתוך דבר'**

חכמת המוסר איז א טיפע חכמה, עס איז א 'חכמת הנפש', א חכמה וואס טייטשט אפ דעם גאנצן מענטש פון אויבן ביז אראפ, עס איז א 'חכמת ההשקפה' - וויאזוי מען דארף קוקן אויף דער וועלט און וויאזוי מען דארף קוקן אויפן לעבן און אויף דער תורה. למשל, דער סוגיא פון ליצנות - וואס דער מסילת ישרים רעדט אין פרק ה' - וואלט מען געדארפט לערנען בעיון; פונקט ווי מען לערנט דורך א סוגיא ביי א 'שיעור עיון' אין ישיבה, וואס מען זיצט דערויף גאנצע וואכן און חדשים - אזוי וואלט מען געדארפט זיצן אויף דער סוגיא פון ליצנות בעיון גדול. נאר מען קען דאך נישט געבן אזויפיל צייט דערויף, מען קען עס נאר אנרירן אביסל, עפענען דעם פתח און ווייזן וויאזוי מען גייט אריין אין דער סוגיא, און דערנאך דארף יעדער בחור זיך מייחד זיין צייט און אליינס גיין ווייטער, זיין א 'מבין דבר מתוך דבר', און ער דארף דאס האבן אויפן קאפ, טראכטן דערוועגן און עס אויסברייטערן, וישמע חכם ויוסף לקח.

**ליצנות איז א געוויסער סארט ליידיגער 'מצב'**

ערשטנס וועלן מיר פרובירן צו צענעמען דעם 'מהות' פון ליצנות, וואס מיינט ליצנות

און וואס איז דער שאדן פון א לץ. און דערנאך וועלן מיר פרובירן אריינצוגיין אינעם שורש פון ליצנות, פון וואו הייבט זיך דאס אן ביים מענטש. דער פסוק דריקט זיך אויס (תהלים א' א'): "ובמושב לצים לא ישב" - אן ערליכער איד זיצט נישט אין א 'מושב לצים'. מען זעט אז עס איז פארהאן אזא מושג ווי א 'מושב לצים', דער פסוק זאגט נישט: "עם לצים אינו מתערב", אדער: "עם לצים אינו יושב", נאר: "ובמושב לצים לא ישב" - ער זיצט נישט אינעם 'מושב' פון די לצים. וואס איז פשט? וואס מיינט דאס 'מושב לצים'? דער פשט איז, אז **די לצים פארקויפן גארנישט, זיי פארקויפן נישט קיין שכליות, זיי פארקויפן ניטאמאל קיין תענוגים, זיי פארקויפן נאר איין זאך: א מצב!** זיי שאפן ארום זיך א 'מצב' און א 'מושב' פון ליצנות.

**א רעדנער קומט אין ישיבה רעדן צו די בחורים**

מען וועט געבן א דוגמא: א בעל דרשן קומט רעדן אין א ישיבה, ער קומט מעורר זיין די בחורים צו תורה און יראת שמים, מוסר און חסידות. דער בעל דרשן איז זיך מטריח צו קומען און ער איז זיך מטריח צו צוגרייטן א דרשה, און עס גייט אים בנפשו אז עס זאל זיין דברים המתקבלים, ער לייגט אריין קאפ און הארץ אין דעם אז די בחורים זאלן מקבל זיין די דברי מוסר. אבער עס איז נישט תלוי נאר אין אים, עס איז תלוי אינעם 'מצב' ביי די בחורים, עס מאכט זיך אמאל אז דער מצב אין ישיבה איז טאקע אן ערנסטער מצב, דער בעל דרשן שפירט גלייך אז דער מצב איז גוט, עס איז דא צו וועמען צו רעדן, אלע בחורים זיצן און הערן אויס מיט אן ערנסטקייט, דער מצב איז ערנסט. אבער זייער אסאך מאל זענען די בחורים נישט

פרק ה'

כִּי הִנֵּה הַשְּׂחוֹק הוּא מְאַבֵּד אֶת לֵב הָאָדָם, עַד שֶׁכְּבָר אֵין הַטַּעַם וְהַדֵּעָה מוֹשֶׁלֶת בּוֹ, וַהֲרֵי הוּא כְּשִׁכּוֹר אוֹ שׁוֹטֶה, אֲשֶׁר אִי - אֶפְשָׁר לָתֵת לָהֶם עָרְמָה אוֹ לְהַנְהִיגָם, כִּי אֵינָם מְקַבְּלִים הַנְהָגָה. וְהוּא מַה שֶּׁאָמַר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם (קהלת ב, ב), "לִשְׂחוֹק אָמַרְתִּי מְהוֹלָל וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּה עוֹשָׂה"

**נקודות:**

חכמת המוסר איז א טיפע חכמה, עס איז א 'חכמת הנפש', א חכמה וואס טייטשט אפ דעם גאנצן מענטש פון אויבן ביז אראפ, עס איז א 'חכמת ההשקפה' – וויאזוי מען דארף קוקן אויף דער וועלט און וויאזוי מען דארף קוקן אויפן לעבן

**נקודות:**

וויאזוי גיבט מען זיך אן עצה? ער וויל דאך נישט הארעווען?! ער וויל נישט ארבעטן שווער?! האט זיין נפש געפונען אן עצה: ער וועט בויען ארום זיך א חומה, אז דער שכל זאל נישט צוקומען צו אים און אים נישט קענען מוטשען! דערפאר איז ער אויפגעקומען מיט אזא מין מדה שבנפש וואס רופט זיך 'ליצנות'!

~

ווען מען זאל למשל פועל'ן ביים לץ בלויז איין 'קבלה טובה': אז ער זאל אוועקגיין פון דער מדה פון ליצנות, נישט אוועקצומאכן גארנישט, נאר יעדע זאך אויפנעמען נארמאל און ערנסט – דאן וואלט ער אויטאמאטיש געמוזט אריינגיין אין עבודת ה'! ווייל זיין שכל וואלט אים געמוטשעט און דערקוטשעט, אז דאס איז דער אמת

אין אזא מצב, זיי זענען נישט גרייט צו הערן ערנסטע זאכן.

**די פאר לצים לייגן אוועק די גאנצע דרשה**

פאסירט אמאל אז דער בעל דרשן קומט אן, און עס איז אים געלונגען אז דער מצב איז יא ערנסט, צי ווייל דער זמן איז אן ערנסטער זמן; ווי למשל פאר ראש השנה, וואס צוליב די ערנסטקייט פונעם זמן, זענען די בחורים ערנסט און זיי זענען גרייט צו הערן. אדער אז עס זענען געווען געוויסע זייטיגע סיבות - ווי למשל א טראגעדיע רחמנא ליצלן וכדומה - וואס האט גורם געווען אז עס איז דא אן ערנסטע לופט, עס איז א מצב פון ערנסטקייט. נו, דער בעל דרשן רעדט, און דער עולם הערט אויס און איז מקבל יעדעס ווארט מיטן ריכטיגן חשיבות - אזוי ווי עס דארף נתקבל ווערן. ביז... מיטאמאל גיבט איינער פון די בחורים א שמייכל צום חבר - אפצולאכן פונעם לעצטן זאץ וואס דער רעדנער האט געזאגט... א מינוט שפעטער גיבט זיך איינער א הייב אויף און גייט ארויס... און דארט שטעלט זיך אויף אן אנדערער בחור און קראצט זיך אין רוקן... וכדומה נאך אזעלכע תנועות פון ביטול, און... דער רעדנער האט שוין נישט צו וועמען צו רעדן! דער רעדנער ווייסט שוין גאנץ גוט, אז פון יעצט און ווייטער איז ארויסגעווארפן יעדעס ווארט! א שאד אויף דער טירחא!

**דער לץ גיבט אריין אין דער לופט א געפיל פון ביטול**

לאמיר אריינטראכטן: וואס איז דא געשעהן? האט דען איינער געזאגט עפעס א ווארט וואס זאל גורם זיין א לייכטזיניגקייט? קיינער האט דאך גארנישט גערעדט?! קיינער האט נישט אפגעפרעגט קיין איין ווארט פונעם בעל דרשן?! נו, פארוואס אויפאמאל הערן נישט די בחורים אויס? וואס איז דא געשעהן? דער תירוץ איז: די פאר בחורים האבן געוויזן א סטעיטמענט (הצהרה) פון ליצנות! **מיט זייערע תנועות פון ביטול האבן זיי דערקלערט: איך בין נישט גורס דעם מענטש! איך בין נישט מכבד קיין איין ווארט וואס ער רעדט! און איינמאל עס איז אריין אין דער לופט אזא סטעיטמענט, איז געשאפן געווארן אן אטמאספער פון שפעטעריי און אומכבוד! יעצט איז שוין נישטא ווער עס זאל מקבל זיין די דיבורים.** און דאס קען מען נישט צוריקדרייען דורכן רעדן נאכמער ערנסט, ווייל עס וועט גאר האבן א פארקערטע השפעה, וואס ערנסטער ער וועט רעדן, אלץ גרעסער וועט זיין דאס ליצנות! ווי נאר ער וועט ווערן ערנסט, באלד וועט דער עולם זיך געבן א שמייכל אונטער. פארוואס? וואס איז יעצט מאדנע אז עס קומט צום לאכן? דער בעל דרשן רעדט דאך דברי שכל ודעת?! אבער גארנישט! איינמאל עס ווערט אן אויר פון ליצנות, איז יעדעס ווארט אפגעפרעגט! כאטש וואס דאס ליצנות האט נישט קיין שום הסבר און שכל, און דער רעדנער רעדט דאך צו דער זאך, איז עס ווי גלייך ער רעדט כינעזיש... שכל רעדט נישט צו ליצנות.

**דער לץ דערהערט נישט קיין שום שכל און ערנסטקייט**

דאס איז דער מהות פון ליצנות! עס איז נישט מער ווי א 'מצב' פון אפלאכן און אפשפעטן פון יעדע ערנסטע זאך! דערפאר רופט מען דאס 'מושב לצים', ווייל עס איז אזא 'אויר' און אטמאספער ארום אים. און נישט פשט אז בלויז ווען דער לץ זיצט אין א 'מושב' מיט אנדערע לצים - דעמאלט איז דא דער מצב, נאר ער נעמט עס מיט איבעראל! עס איז אזא בודקעלע וואס ווי ער גייט איז 'ביתו עמו'... ווייל **דער וואס איז געשלאגן אין דער מדה פון ליצנות, ציטערט פון ערנסטקייט, דערפאר נעמט ער זיך ארום מיט א מויער פון ליצנות!** וואו ער גייט - נעמט ער מיט זיך זיינע 'ד' אמות' פון ליצנות - זיך צו באשיצן פון אלע דברי מוסר! און טאמער ער קען - וועט ער עס משפיע זיין פאר אנדערע, און מאכן בפועל א 'מושב לצים', אבער אפילו טאמער קען ער נישט משפיע זיין אויף קיינעם פון זיין ליצנות - וועט ער דאס האלטן פאר זיך אליינס! ער אליינס וועט זיך אריינזעצן אין אזעלכע ד' אמות וואס רופט זיך 'מושב לצים', דאס זענען אזעלכע ד' אמות וואס זענען נישט גורס קיין שכל! דאס איז אזא פאנצער נישט צו צולאזן קיין שום ערנסטקייט צו זיך! און קיין שום 'יראה' קען נישט איבערברעכן דעם פאנצער - חוץ א שטעקן! נאר ווען עס קומט חס ושלום אן עונש, עס געשעהט חלילה א צרה ביי זיי אין די משפחה אדער ביי זייערע נאנטע - אויפאמאל ווערן זיי אויס ליצים! מיטאמאל ווערן זיי ערנסט! ווייל זיי פארשטייען נישט קיין אנדערן שפראך - אויסער א שטעקן! שכל רעדט נישט צו אים.

ב.

# דער לץ ווייסט דעם אמת דערפאר שטאפט ער צו די אויערן מיט ליצנות

**פארוואס איז דער מענטש א לץ?**

נאכדעם וואס מען פארשטייט שוין וואספארא מין 'מהות' די מדה פון ליצנות איז, וועט מען פרובירן זיך דערגרייכן צום 'שורש' פון דער מדה, פון וואו קומט דאס צו א מענטש. ווייל ווען מען ווייסט דעם שורש איז אסאך מאל גרינגער צו ארבעטן דערויף. אינ'אמת'ן קען יעדע מדה האבן פארשידענע סארט שורשים און סיבות וואס האבן דאס געברענגט, נאר מען וועט רעדן בדרך כלל, פון וואו דאס קומט געווענליך.

**צי זענען פארהאן מענטשן וואס זענען בטבע לייכטזיניג?**

אויבנאויף ווען א זייטיגער מענטש באטראכט דעם 'לץ', זעהט אים אויס אז דאס איז עפעס אזא מין טבע, כאילו ער איז באשאפן געווארן מיט אזא סארט לייכטזיניגקייט, עס קוקט אים אויס אז דאס איז אזא כלליות'דיגע ליצנות, אז ער איז נישט קיין ערנסטער מענטש! עס איז נישטא קיין שום זאך אין דער וועלט וואס ער וועט נעמען ערנסט, אפילו בגשמיות דערשרעקט ער זיך נישט פון פאראויס, נאר ווען די יסורים באטרעפן אים שוין בפועל חס ושלום - דעמאלט ווערט ער ערנסט, אבער חוץ פונדעם, איז נישטא קיין שום זאך וואס ער נעמט ערנסט.

**דער לץ ציטערט פונעם אמת דעריבער אנטלויפט ער צו ליצנות**

אבער אינ'אמת'ן איז עס נישט קיין ארגינאלע טבע, נאר ער האט זיך צו דעם צוגעוואוינט. געווענליך ליגט אונטער דעם א טיפער פלאנטער, וואס דער מענטש אליינס ווייסט אויך נישט דערפון, ער האט דאס קיינמאל נישט אויסגערעכנט מיט זיין 'שכל הנגלה' (באוואוסטזיין), אבער זיין 'עומק הנפש' (אונטערן באוואוסטזיין) האט געמאכט דעם חשבון, אז ער וויל נישט זיין ערנסט. דער הסבר איז: דער מענטש האט געזען ווי ערליכע אידן זעען אויס, און ער האט געזען

פרק ה'

בְּלֵיצָנוּת אֶחָד וּבִשְׂחוֹק קָטָן יַפִּיל הָאָדָם מֵעָלָיו רִבּוּי גָּדוֹל מִן הַהִתְעוֹרְרוּת וְהַהִתְפַּעֲלוּת, מַה שֶּׁהַלֵּב מִתְעוֹרֵר וּמִתְפַּעֵל בְּעַצְמוֹ מִדֵּי רְאוֹתוֹ אוֹ שָׁמְעוֹ עִנְיָנִים שֶׁיְּעִירוּהוּ אֶל הַחֶשְׁבּוֹן וְהַפִּשְׁפּוּשׁ בַּמַּעֲשִׂים. וּבְכֹחַ הַלֵּיצָנוּת יִפֹּל הַכֹּל לָאָרֶץ וְלֹא יַעֲשׂוּ בּוֹ רֹשֶׁם כְּלָל, וְלֹא מִפְּנֵי חֻלְשַׁת הָעִנְיָנִים וְלֹא מִפְּנֵי חֶסְרוֹן הֲבָנַת הַלֵּב, אֶלָּא מִפְּנֵי כֹּחַ הַלָּצוֹן הַהוֹרֵס כָּל עִנְיְנֵי הַמּוּסָר וְהַיִּרְאָה

ווי ערליכע אידן דארפן שווער ארבעטן, און ער איז דאך טאקע גערעכט, עס איז טאקע זייער שווער צו זיין אן ערליכער איד, כאטש פון איין זייט איז עס גרינג, אבער דאך איז עס - פון דער אנדערער זייט - גאנץ שווער, עס איז דא אסאך ארבעט וואס מען דארף הארעווען צו זיין אן ערליכער איד. דעריבער האט ער מחליט געווען ביי זיך, אז ער וויל נישט אזוי שווער ארבעטן! **ער האט מחליט געווען אז ער וויל נישט זיין אן ערליכער איד! אבער ער ווייסט דאך אז דער שכל וועט אים כסדר פאדערן און נודזשען צו זיין אן ערליכער איד! אויך ווייסט ער אז ווי ער וועט נאר עפענען א ספר, וועט ער כסדר זעען ווי דער ספר שרייט אז מען מוז זיין אן ערליכער איד! ער וועט זיך נישט קענען ארויסדרייען דערפון**, עס וועט אים צודריקן צום וואנט און ער וועט נישט האבן קיין ברירה, ער וועט מוזן הארעווען צו זיין אן ערליכער איד! נו, וואס טוט מען דא? וויאזוי גיבט מען זיך אן עצה? ער וויל דאך נישט הארעווען?! ער וויל נישט ארבעטן שווער?! האט זיין נפש געפונען אן עצה: ער וועט בויען ארום זיך א חומה, אז דער שכל זאל נישט צוקומען צו אים און אים נישט קענען מוטשען! דערפאר איז

ער אויפעקומען מיט אזא מין מדה שבנפש וואס רופט זיך 'ליצנות'! ליצנות מיינט, ער ווערט זיין א לייכטזיניגער מענטש! קיין שום זאך ווערט ער נישט נעמען ערנסט! דערפאר איז ער געווארן איין שטיק לץ! און **מען קען נישט מסביר זיין דעם הגיון פון ליצנות, ווייל דאס איז נישט קיין 'שכל' - דאס איז א 'מדה' - וואס דארף נישט האבן קיין שכל צו זיך**, דער עצם זאך אז 'אים' קומט בעסער אויס אזוי' - איז שוין גענוג צו אנטוויקלען אזא מדה אינעם מענטש.

**ווען נישט דעם 'ליצנות מויער' וואלט דער מענטש געווארן אן אמת'ער עובד ה'**

דערפאר זאגט דער מסילת ישרים אז דאס איז פון די גרעסטע מפסידים צו זהירות, ווייל דאס איז די חומה וועלכע לאזט נישט צו קיין ערנסטקייט צום מענטש. ווען מען זאל למשל פועל'ן ביים לץ בלויז איין 'קבלה טובה': אז ער זאל אוועקגיין פון דער מדה פון ליצנות, נישט אוועקצומאכן גארנישט, נאר יעדע זאך אויפנעמען נארמאל און ערנסט - דאן וואלט ער אויטאמאטיש געמוזט אריינגיין אין עבודת ה'! ווייל זיין שכל וואלט אים געמוטשעט און דערקוטשעט, אז דאס איז דער אמת, אז מען מוז דינען דעם רבונו של עולם. און קיין וועג ארויס דערפון וואלט ער נישט געהאט - ווען ער האט ווען נישט די מדה פון ליצנות - ממילא וואלט ער זיכער געווארן אן עובד ה'! קומט אויס אז זיין גאנצער שטער אין עבודת ה', איז בלויז די מדה פון ליצנות, דערפאר מוז מען זען אוועקצושטעלן דערפון מיטן גאנצן שטארקייט.

ג.

# די ערגסטע סארט ליצנות: ער איז עס בכלל נישט מחשיב

**ליצנותא דעבודה זרה**

אמאל איז פאראהאן אן אנדערן שורש - פון וואו דאס ליצנות שטאמט, וואס איז א געוויסן זין איז דאס נאך ערגער! עס איז א טיפערער פלאץ אין נפש! די גמרא זאגט (מגילה כ"ה:): "כל ליצנותא אסירא בר מליצנותא דעבודה זרה" - יעדער סארט ליצנות איז אסור, אויסער מאכן ליצנות פון עבודה זרה, דארטן מעג מען יא מאכן ליצנות. לכאורה דארף מען פארשטיין די גמרא, פארוואס האט די גמרא אנגעכאפט פונקט 'עבודה זרה'? טאר מען דען נישט חוזק מאכן פון אנדערע מדות גרועות? פון גאוה טאר מען דען נישט מאכן קיין ליצנות? דאס איז דאך חכמת המוסר, אז מען צעלייגט די נישטיקייט און חוזק פון א בעל מדה רעה?! עס איז דאך נישט קיין פראגע אז דאס איז א גוטע זאך און מען מעג מאכן אזא סארט ליצנות, טא פארוואס כאפט מען אן בלויז 'עבודה זרה'?

**חז"ל האבן אונז מרמז געווען וואס עס מיינט דער מושג 'ליצנות'**

אז מען וויל דוקא, קען מען זאגן בדוחק, אז אין הכי נמי, אלע מדות גרועות זענען אינעם גדר פון 'עבודה זרה'. ווייל דער גאנצער יצר הרע איז דאך א שטיק עבודה זרה, ער איז אן 'אש זר שבלבו של אדם', ער איז פרעמד און ווייט פון דער נשמה, און טאמער מען פאלגט דעם 'זר', הייסט דאס, עבודה זרה - מען דינט א פרעמדע זאך. און אויף דעם ארויף זאגט די גמרא: "כל ליצנותא אסירא בר מליצנותא דעבודה זרה", דאס הייסט, אז מען זאל מעגן מאכן ליצנות פון אלע שלעכטע מידות. אבער דאס איז א דוחק, ווייל בפשטות אז די גמרא זאגט 'עבודה זרה', מיינט די גמרא דעם פשוט'ן מושג פון 'עבודה זרה'. נאר דא ווערט אונז נתגלה עפעס איבער דעם מושג פון 'ליצנות'.

**ליצנות איז א גילוי אויף וואס עס טוט זיך אינעווייניג אין הארץ**

ליצנות איז בלויז אן 'אויסדרוק'! **ווען א מענטש מאכט ליצנות פון עפעס, מיינט דאס צו זאגן אז ער ווייזט ארויס זיין 'ביטול געפיל' וואס ער שפירט אין הארץ צו דער זאך!** דער מענטש האלט ביי זיך אז די דאזיגע זאך איז נישט עפעס וואס מען דארף מכבד זיין - נאר וויבאלד ער וויל זיך אויסדרוקן און דערקלערן אז ער איז דאס נישט מכבד, נאר פארקערט, ער איז דאס מבזה - דרוקט ער דאס אויס דורך 'ליצנות'. דאס איז די מדה פון ליצנות! עס איז אן אויסדרוק, וואס דער מענטש דרוקט זיך אויס זיין 'נישט חשיבות' און זיין 'נישט כבוד' צו א געוויסע זאך וואס ער איז מבזה און נישט מחשיב.

**ליצנות מאכט מען נאר ווען מען וויל זיך קריגן מיט איינעם**

ווען שפירט א מענטש אז ער דארף זיך אויסדרוקן מיט אן אויסדרוק פון ליצנות?! בשעת ווען עס איז פאראהן אנדערע מענטשן וואס זענען יא מחשיב די זאך! ווייל דארט וואו קיינער איז נישט מחשיב די זאך, שפירט נישט דער מענטש אז ער דארף עס אוועקמאכן, עס איז דאך פון זיך אליינס אוועקגעמאכט. נאר **דארטן וואו עס איז פאראהן א ווינט מחשיב צו זיין די זאך, דעמאלט שפירט דער מענטש - וועלכער איז עס נישט מחשיב - אז ער דארף אפ'חוזק'ן דערפון**, כדי צו ווייזן אז ער איז עס נישט מחשיב.

**די גוטע זייט פון ליצנות - שפעטן פון עבודה זרה**

די גוים זענען מחשיב עבודה זרה, זיי בוקן זיך דערצו, זיי דינען דערצו און געבן דאס א חשיבות. א איד ווייסט אבער דעם אמת, אז דאס האט נישט קיין שום חשיבות שבעולם און עס קומט נישט מען זאל דאס מחשיב זיין. דערפאר זאגט די גמרא: "כל ליצנותא אסירא בר מליצנותא דעבודה זרה". אז מען מעג מאכן 'ליצנות' דערפון, ווייל טאקע **אויף דעם איז באשאפן געווארן די מדה פון ליצנות! אז מען זאל זיך אויסדריקן מיט א 'היפוך חשיבות' אויף א זאך וואס גוים זענען 'מחשיב' מיט א שקר און אינ'אמת'ן דארף מען דאס נישט מחשיב זיין!** דוקא ביי 'עבודה זרה' וואס עס איז פאראהן א באוועגונג וועלכע גיבט אפ דעם כבוד, כאילו עס וואלט געווען חס ושלום א גאט - וואס דאס איז נישטא ביי קיין מדות רעות - דארף א איד רעדן פארקערט און אפשפעטן און אפ'חוזק'ן דערפון! לאפוקי פון דעם כבוד וואס זיי געבן!

**צוויי סארט ליצנות - איינס ערגער פון צווייטן**

קומט אויס, אז דער סארט ליצנות קומט פון א טיפערן פלאץ אין נפש ווי דער פריערדיגער סארט. ווייל דא איז נישט פשט אז דער מענטש שפירט עפעס אן אמת אין דער זאך אויף וואס ער מאכט ליצנות, א איד שפירט דאך נישט קיין טראפ אמת אינעם עבודה זרה, און ער מאכט נישט ליצנות מיטן ציל אוועקצושטופן פון זיך די השפעה פון דער זאך, אז ער זאל נישט ווערן איבערגענומען דערפון, נאר דער ציל פון דער ליצנות איז פשוט ארויסצוגעבן זיין מחאה און זיין דעה, אז ער איז נישט מסכים צו דאס וואס זיי געבן כבוד פאר דעם! ער גיבט נישט אפ קיין שום חשיבות פאר דער זאך!

**דער לץ איז גענצליך נישט מחשיב קיין יראת שמים**

אין אידישקייט איז אזא ליצנות זייער מסוכן. עס איז פאראהן אמאל א מענטש וואס איז געשלאגן מיט דער סארט ליצנות - אפילו טאמער עס איז נישט אויף גאנץ אידישקייט - איז עס אבער אויף א געוויסן פרט אין אידישקייט; ווי למשל, **ער מאכט חוזק פון בחורים וועלכע ארבעטן אויף 'יראת שמים', אויף 'עבודה שבלב' און אויף 'תיקון המידות'.** און עס קומט נישט פונדעם וואס ער וויל נישט ארבעטן אזוי שווער און דעריבער וויל ער מאכן זיכער אז ער ווערט נישט נשפע פון זיי, נאר ער איז עס טאקע נישט מחשיב! ער שפירט בכלל נישט קיין חשיבות דערצו און ער וויל עס פשוט ארויסגעבן כדי 'לאפוקי' פון די עובד'ישע בחורים! דאס איז אסאך ערגער ווי דער ערשטער סארט, ווייל ער איז אינגאנצן קאלט צו יראת שמים, אין דאס קומט פון עפעס א נגיעה וואס ער האט וואס דאס מאכט אים נישט מחשיב צו זיין זאכן וואס מען דארף מחשיב זיין.

**די געשפעט וואס איז פאראהאן אויף עובדי ה' - צוליב וואס מען איז זיי נישט מחשיב**

מען קען עס אמאל זען ביי 'לומדי'שע אינגעלייט' - וואס כאטש זיי ליגן טאקע אין לערנען, אבער זיי זענען נישט קיין עובדי ה' און זענען ניטאמאל מחשיב דעם ענין פון ארבעטן אויף יראת שמים - זעט מען אמאל ווי זיי מאכן ליצנות פון אנדערע אינגעלייט וואס ארבעטן יא אויף יראת שמים. טאמער זענען זיי ליטווישע עובדים, זאגן זיי מיט שפאט: "די חברה, זיי זענען די 'בעלי מוסר'! א גאנצן טאג זענען זיי פארנומען נאר מיט מוסר און זיי לערנען נישט קיין אות אחת!". און טאמער זענען דאס פון די חסיד'ישע עובדים, וועלן זיי חוזק מאכן: "די חברה, זיי זענען נישט קיין נארמאלע מענטשן! זיי זענען אזעלכע מבקשים'לעך!". איינמאל האט מען שוין ארויפגעקלייבט א 'חותם' (לעיבל) אויף זיי, קען מען שוין יעצט ליצנות מאכן און אפ'חוזק'ן פון זיי כסדר. וואס דאס אלעס טוען זיי כדי

**נקודות:**

כאטש זיי ליגן טאקע אין לערנען, אבער זיי זענען נישט קיין עובדי ה' און זענען ניטאמאל מחשיב דעם ענין פון ארבעטן אויף יראת שמים – זעט מען אמאל ווי זיי מאכן ליצנות פון אנדערע אינגעלייט וואס ארבעטן יא אויף יראת שמים

~

וויבאלד עס זענען פאראהן אסאך מענטשן וואס זענען געשלאגן דערמיט! דאס מאכט עס אויסקוקן ווי כאילו עס איז א נארמאלע ערשיינונג! אויב וואלט עס נישט געווען קיין דבר הרגיל, נאר בלויז איינצעלנע מענטשן וואלטן געליטן אויף דעם – דאן וואלט מען באלד געזאגט אז מיט אזא זאך דארף מען גיין צום דאקטער

>>> המשך בעמוד הבא

# דרכי הצדיקים

**הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינאוו זי"ע – יו"ד ד' כסלו**
מלוה מלכה בעיר וומס"ב מוצ"ש פרשת בה"ב תשע"ג

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

• שמעתי מכ"ק אדמו"ר מאמשינאוו זי"ע, שזקינו הרה"ק רבי יעקב דוד מאמשינאוו זי"ע בנו הגדול של הרה"ק רבי איציק'ל מווארקא זי"ע היה עוסק הרבה בשתדלנות ועסקנות למען בני ישראל, ועסק הרבה בענין פדיון שבויים, וכמה פעמים היה מתעסק בדבר ביחד עם הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' מגור זי"ע [אשר היה ידידו של אביו הרה"ק מווארקא מעת היותם יחד אצל הרה"ק הרר"ב מפרשיסחא זי"ע].

פעם אחת חזר רבי יעקב דוד לעירו באישון הלילה, אחר שהתעסק במשך כל היום בעיר אחרת בשתדלנות בענין פדיון שבויים. וכאשר חזר לעירו כבר היתה השעה מאוחרת מאד, והוא עדיין לא התפלל מעריב. התעניין רבי יעקב דוד היכן יוכל להשיג מנין להתפלל מעריב, ענו ואמרו לו חסידיו כי אכן כל בני העיר כבר התפללו, אבל יש איזה בית מרזח [בַּאר] אשר יושבים שמה כמה ריקים ופוחזים שומרי תורה ומצוות למחצה ולשליש, והם כנראה לא התפללו עדיין... ציוה רבי יעקב דוד שילכו להביאם והוא יתפלל עמהם, ואכן באו אותם שותי שכר לבקשת הרבי. והיו האנשים האלו ממש רחוקים מן יהדות, ואפי' כיסוי ראש לא היה להם. עמד רבי יעקב דוד ונתן לכולם מטפחות [טאש-טיכלעך] לכסות את ראשם, וכך נעמדו להתפלל עמו ביחד את תפילת מעריב. והיה כ"ק אדמו"ר מאמשינאוו רגיל לסיים את זה הסיפור בנעימות לשונו באמרו: 'און מיט זיי האט ער געדאוונט מעריב...'! (ואיתם התפלל מעריב...!).

• פעם סיפר רבי יעקב דוד על עצמו: 'אמאל ווען איך בין געוועהן א יונגערמאן האב איך מיר צוטאנצט אין בית המדרש, און דער טאטע איז געשטאנען פונקט ביים טיר און ער האט געקוקט ווי איך טאנץ, האט ער געווארט ביז איך זאל ענדיגן טאנצן, און דערנאך איז ער צוגעגאנגען און מיר אריין גערוימט אין אויער, און ער האט געזאגט: מ'קען דאס אייגענע טוהן אונטער די דאכענע'! (פעם אחת כאשר הייתי אברך התלהבתי ויצאתי בריקוד בביהמ"ד, ובדיוק באותה שעה עמד אבי - הרה"ק מווארקא - בפתח ביהמ"ד והביט איך אני רוקד, המתין אבי עד שסיימתי לרקוד, ואז ניגש אלי ולחש לי באוזני ואמר: את עניניך יכול אתה לעשות גם תחת השמיכה!), ורצה ללמדו להסתיר את דרכיו בקודש, ולעשות את מעשיו באין רואה.

• רבי יעקב דוד היה כידוע גדול מאד בתורה, עד שאמר פעם על עצמו כי חריף ובקי כמו הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' מגור. אבל דרכו באמירת תורה ברבים היה רק לומר מאמרים קצרים מאד, ועיקרם היה נקודה פנימית אחת אשר ביטאה ענין בעבודת ה', ולא היה כלל מאריך בדברים. ופעם אחת - כשהיה כבר כמה שנים לאחר הסתלקותו, סיפרו לפני בנו הרה"ק רבי מנחם מאמשינאוו זי"ע שיש קונטרס מדברי תורת אביו רבי יעקב דוד, אשר חסיד אחד רשם לזכרון. אבל רבי מנחם לא התפעל ולא נתרגש, ואולי אפי' לא רצה לראות את הקונטרס בכלל. ואמר על דברי אביו: 'דעם ברען פון די ווארט קען מען נישט פארשרייבן, און דאס ווארט אליין איז נישט כדאי צו פארשרייבן' (את ההתלהבות שבמאמר אי אפשר לכתוב, ואת המאמר עצמו אין כדאי לכתוב), כי אכן היו מאמרים כאלו שהעיקר בהם היתה ההתלהבות אשר בה נאמרו, ולא הרעיון בעצמו.

• בסוף ימיו של רבי יעקב דוד כאשר חלה את חליו האחרון, אמר לבני משפחתו כי צריך הוא לנסוע לעיר המרפא 'מעראַן' אשר במדינת 'איטאליע', כי שם יש אויר טוב אשר יועיל לרפואת מחלתו. הלכו בני המשפחה ושאלו את הרופאים על כך, ענו הרופאים ואמרו להם כי לפי מצב מחלתו יהיה דבר זה סכנה גדולה עבורו, שהרי אין בכוחו להיטלטל בדרכים רחוקים, ויכול הוא ח"ו למות מטורח טילטול הדרך. חזרו אל רבי יעקב דוד וסיפרו לו את דברי הרופאים, אבל הוא לא קיבל את דבריהם, ואמר כי הוא בעצמו 'דאקטער' והוא מבין יותר טוב מהם מה נכון עבורו. כי אכן היה רבי יעקב דוד בקי קצת בחכמת הרפואה, ולכן כינה את עצמו שהוא 'דאקטער'. אבל בניו הק' התעקשו וטענו עמו על כך, שהרי התיראו מאד מאזהרות הרופאים. ניסה רבי יעקב דוד להתווכח עמהם, עד שראה ששום דבר לא יניאם מדעתם, ובלית ברירה ענה ואמר: 'ס'ווארטן פאר מיר דארט טויזנט נשמות' (ממתינים עבורי שם אלף נשמות - שצריך הוא לתקנם ע"י פטירתו במקום זה). והיה כ"ק אדמו"ר מאמשינאוו רגיל לומר: 'דא האט ער זיך געמוזט ארויס געבן' (כאן הוכרח לגלות את אשר עם לבבו), כי עד כמה שהיה בכוחו ניסה להסתיר את הדבר, אבל בלית ברירה היה מוכרח לגלות את כוונתו האמיתית. ואכן נסע ל'מעראן' ושם הסתלק לחיי עולם, ואח"כ הביאוהו לאמשינאוו ושם מנוחתו כבוד. זי"ע

<<< המשך מעמ' הקודם

ארויסצוברענגען זייער 'נישט חשיבות' וואס זיי שפירן צו די עובדי ה'.

**די טענה איז אויפן שורש פונעם ליצנות**

ביי דער סארט ליצנות, איז נישט אזוי ווייט די טענה אויפן ליצנות גופא - ווי אויפן מקור פונעם ליצנות - וואס דאס איז נאך אפשר ערגער ווי דער גאנצער ליצנות. די טענה צו אים איז: "פארוואס ביסטו נישט מחשיב יראת שמים? פארוואס שפעטסטו פון ערליכקייט? דו ביסט דאך א איד, וואלסטו יא געדארפט מחשיב זיין אן עובד ה'! דו וואלסט יא געדארפט מחשיב זיין א בחור אדער אינגערמאן וואס וויל זיין א ירא שמים!". דאס איז אויך נכלל אין די ווערטער פון מסילת ישרים, אז מען דארף וועקשטיין פון ליצנות, דאס הייסט, אז דאס איז א גרויסער ענין זיך אויסצולערנען ריכטיג מחשיב צו זיין די זאכן וואס מען דארף מחשיב זיין.

**א שלעכטע מדה - איז אן אומנארמאלקייט אינעם נפש**

ליצנות איז א מדה רעה - וואס איז פשוט א קראנקהייט אינעם נפש; פונקט ווי **אלע מדות רעות וואס זענען פשוט חולי נפש, דער נפש איז נישט נארמאל.** די איינציגסטע סיבה פארוואס אין דער וועלט ווערט נישט א שלעכטע מדה דיאגניזירט אלס א 'קראנקהייט' וואס פאדערט א באהאנדלונג - איז וויבאלד עס זענען פארהאן אסאך מענטשן וואס זענען געשלאגן דערמיט! דאס מאכט עס אויסקוקן ווי כאילו עס איז א נארמאלע ערשיינונג! אויב וואלט עס נישט געווען קיין דבר הרגיל, נאר בלויז איינצעלנע מענטשן וואלטן געליטן אויף דעם - דאן וואלט מען באלד געזאגט אז מיט אזא זאך דארף מען גיין צום דאקטער! דער דאקטער דארף דאס אויסהיילן!

**די טאבלעטן פאר דער ליצנות קרענק איז 'חכמת המוסר'**

למשל, ביי אונזער ענין, טאמער וואלט כמעט קיינער נישט געווען קיין לץ, די אנגענומענע און נארמאלע התנהגות ביי יעדן איינעם וואלט געווען - 'ערנסטקייט', ווען מען לערנט דברי מוסר - נעמט מען עס אן ערנסט! ווען מען הערט רעדן דברי מוסר - הערט מען אויס ערנסט! בכלל, מען גייט צו צום לעבן - מיט אן ערנסטקייט! מען גייט צו צום דאווענען - מיט יראת שמים! מען גייט צו צום לערנען - מיט יראת שמים! און א גאנצן טאג פירט מען זיך אויף ווי א ירא שמים, מיט א כובד ראש און קבלת עול מלכות שמים - און **אויפאמאל מאכט זיך עפעס א געוויסער יחיד וואס ער איז א לץ - איז זיכער אז יעדער וואלט אים אנגעקוקט פונקט ווי מען קוקט אן א משוגע'נעם!** און ער איז דאך טאקע א משוגע'נער... יעדער איינער איז א נארמאלער מענטש וואס נעמט אן א זאך ערנסט, און **נאר ער איז א לץ וואס קען נישט צוגיין ערנסט צו א זאך! ער דארף דאך א רפואה! ממילא, וואלט מען אים געשיקט צום דאקטער זאל אים פארשרייבן טאבלעטן...** נאר וויבאלד עס זענען ליידער פארהאן אסאך לצים - ווערט 'ליצנות' אנגעקוקט ווי כאילו עס איז א נארמאלע זאך, און דער לץ ווערט אנגעקוקט כאילו ער איז א נארמאלער מענטש. אבער מען דארף וויסן, אז עס מאכט גארנישט אויס צי אסאך ליידן דערויף אדער ווייניג, **משוגעת בלייבט משוגעת און א משוגע'נער בלייבט משוגע'נער! ליצנות איז אן עכטער משוגעת וועלכע האט נישט קיין שום שכל!** איי, עס זענען דאך פארהאן אסאך וואס ליידן דערויף?! איז עס כאילו מען זאגט, אז עס זענען פארהאן אסאך משוגעים! אבער דער לץ איז נאכאלץ א משוגע'נער. און **די טאבלעטן פאר אים זענען טאקע 'חכמת המוסר'! דאס איז א 'תבלין' וועלכע לערנט אויס דעם מענטש צו זיין נארמאל** און עס היילט אים פון אלע זיינע משוגעת'ן.

ישור
718.484.2189



**מערכת השיעורים**
בארה"ב: **718.536.2347**
בארה"ק: **072-3323310**

**כל הזכויות שמורות**
למכון תולדות יהודה סטיטשין - להוצאת ספרי כ"ק מרן רבינו שליט"א
**אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת**

**ניתן לקבל מידי שבוע במייל:**
gilyondoeihu@gmail.com
Tel. 718.438.0032 #3